**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/14/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול גרונדט א נייע וועבזייטל פאר ניו יארק עלטערן און סטודענטן צו טרעפן זייער שולע'ס פאליסי פאר סמארטפאון באגרעניצונגען דעם הערבסט

***סטעיט געזעץ פאדערט גלאק-צו-גלאק באגרעניצונגען אויף סמארטפאון'ס און אנדערע אינטערנעט-ערמעגליכטע פערזענליכע דעווייסעס אין K-12 שולעס איבער'ן סטעיט***

***ניו יארקער קענען יעצט באזוכן [ny.gov/phonefree](ny.gov/phonefree) צו איבערקוקן זייער שולע'ס פאליסי***

***די וועבזייטל פארמאגט פאליסיס וואס זענען געווארן ארויסגעגעבן דורך מער ווי 1,050 דיסטריקטס און שולעס איבער ניו יארק***

גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געגרונדעט א נייע וועבזייטל - [ny.gov/phonefree](ny.gov/phonefree) — וואס ערמעגליכט עלטערן און סטודענטן צו איבערקוקן זייער שולע'ס פלאן פאר איינצופירן גלאק-צן-גלאק סמארטפאון באגרעניצונגען דעם הערבסט. די וועבזייטל ערלויבט ניו יארקער צו זיכן לויט די דיסטריקט אדער שולע צווישן מער ווי 1,050 פאבליק שולע דיסטריקטס, טשארטער שולעס און BOCES וואס האבן שוין ארויסגעגעבן זייער פאליסי פאר די קומעדיגע שולע יאר - וואס איז ארום 96 פראצענט פון די 1,090 סך הכל דיסטריקטס און שולעס וואס זענען געדעקט דורך די פאדערונגען איבער'ן די סטעיט. שולע אדמיניסטרעיטארס איבער'ן סטעיט פירן איין די פלענער אלס טייל פון גאווערנער Hochul'ס (האקול) נייע געזעץ צו פאדערן גלאק-צו-גלאק סמארטפאון באגרעניצונגען אין K-12 שולעס איבער'ן סטעיט.

"אונזער קינדער זענען מצליח ווען זיי לערנען און וואקסן, נישט ווען זיי קליק'ן און סקראול'ן - און צוליב דעם וועלן שולעס איבער ניו יארק סטעיט זיין גרייט איינצופירן גלאק-צו-גלאק סמארטפאון באגרעניצונגען דעם הערבסט," **האט גאווארנער Hochul (האקול) געזאגט.** "אזוויי מיר קוקן פאראויס צום אנהייב פון די שולע יאר, איז וויכטיג צו קאמיוניקירן - און אונזער נייע אנליין ריסורס מאכט עס לייכטער פאר עלטערן און סטודענטן איבערצוקוקן זייער שולע'ס פלאן."

די פארבליבענע שולעס און דיסטריקטס וואס האבן נאכנישט פארענדיגט זייער פאליסי זענען ערווארטעט צו צוענדיגן זייער פאליסי אין די קומעדיגע טעג ביי קומעדיגע שולע באורד זיצונגען וואס זענען באשטימט פאר אגאוסט. די סטעיט אנליין ריסורס וועט ווייטער ווערן אפדעיטעד ווען נאך פאליסי ווערן ארויסגעגעבן און ארייינגעשיקט.

די געזעץ איינגעפירט דורך גאווערנאר Hochul (האקול) דעם יאר פאדערט גלאק-צו-גלאק סמארטפאון באגרעניצונגען אין K-12 שולע דיסטריקטס איבער'ן סטעיט, אנגעהויבן פון דעם הערבסט פאר די 2025-26 שולע יאר. ניו יארק'ס סטעיט ברייטע סטאנדארטן נעמט אריין:

- פארבאט אומבאַרעכטיגטע באנוץ פון סמארטפאונס און אנדערע אינטערנעט-ערמעגליכטע פערזענליכע דעווייסעס אין שולע אין K-12 שולעס פאר די גאנצע שולע טאג (פון "גלאק צו גלאק"), אריינגערעכנט קלאסצימער צייט און אנדערע צייטן אזויווי מיטאג און סטאדי האל צייטן
- ערלויבט שולעס צו אנטוויקלען זייער אייגענע פלענער צו אוועקלייגן סמארטפאונס דורכאויס די טאג - געבנדיג אדמיניסטראטארס און לערערס די בויגזאמקייט צו טון וואס ארבעט די בעסטע פאר זייערע געביידעס און סטודענטן
- שלאגט פאר 13.5 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג צו ערמעגליכן פאר שולעס וואס דארפן הילף איינצוקויפן סטארעדש לעזונגען זיי צו העלפן ווערן שטערונג-פריי
- פארלאנגט שולעס צו געבן פאר עלטערן א וועג זיך צו פארבינדן מיט זייערע קינדער דורכאויס די טאג ווען נויטיג.
- פארלאנגט לערערס, עלטערן און סטודענטן צו ווערן אנגעפרעגט בשעת'ן אנטוויקלן די לאקאלע פאליסי
- פארמיידט אומגלייכע דיסיקפלין

גאווערנער Hochul'ס (האקול) פאליסי טוט ערלויבן צוטריט צו פשוט'ע סעלפאונס אן אינטערנעט מעגליכקייט, ווי אויך אינטערנעט-ערמעגליכטע דעווייסעס וואס ווערן אפיציעל צוגעשטעלט דורך זייערע שולע צו לערנען דערמיט אין קלאס, א שטייגער ווי לעפטאפס אדער טעבלעטס וואס ווערן גענוצט אלס חלק פון לעסען פלענער.

דערצו, נעמט די גאווארנער'ס פאליסי אריין עטליכע אויסנאמען צו סמארטפאון באגרעניצונגען, אריינגערעכנט פאר סטודענטן וואס דארפן צוטריט צו אן אינטערנעט-ערמעגליכטע דעווייס צו באהאנדלען א מעדיצינישע אומשטאנד, וואו פארלאנגט דורך א סטודענט'ס אינדיווידועליזירטע ערציאונג פראגראם (Individualized Education Program, IEP), פאר אקאדעמישע צוועקן אדער פאר אנדערע לעגיטימע צוועקן, אזויווי איבערטייטשן, זיך אפגעבן מיט א פאמיליע מיטגליד און עמערדשענסיס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן